# אויפרוף

יעדעס אידישע הארץ דארף אויפציטערן — יעדעס אידישע געוויסן דארף אויפשוידערן פון די שרעקליכע פירצה וואס עס קומט ליידער פאר, רעדנדיג וואס **פרויען באדן זיך ביים ביטש אין סי־געיט מיט שרעקליכע תערובות פון מענער און פרויען.**

ווי צו אונזער דור אז מיר זענען צו אזא מצב צוגעקומען, אז פרויען זאלן אויף אזא נידעריגן אופן ארפווארפן פון זיך דאס לעצטע ברעקל בושה און אלע גדרי הצניעות און מאראל. **צניעות** איז דאך דאס סימבאל פון אידישע מאכטער. מיט צניעות האבן אידן זיך אייביג אויסגעצייכנט — און מיט דעם האבן זיי זיך געגרויסט איבער אלע פעלקער פון דער וועלט.

אונזערע הייליגע חז"ל זאגן אין מסכת גיטין דף צ' ע"ב, אז א פרוי וואס באדט זיך צווישן מענער, מוז דער מאן איר גט'ן ווייל דאס איז א סימן אז זי איז אן אפגייערן.

יעדעס אויג דארף טרערן און יעדעס אידישע הארץ דארף וויי טוען, צוזעענדיג צו וואס פאר א נידריגן מצב מיר זענען ליידער צוגעקומען. אז עס קענען איינ־מיטן העלן טאג זיך צוזאמענגעמען צענדליגער פרויען (עס איז אפילו צוגעשטעלט פאר זיי א „וועןˮ רעגלמעסיג עטליכע מאל א טאג) און זיך פארן באדן בתערובות. די חושים זענען ליידער פארטעמפט, דער יצה"ר פאר־בלענדט די אויגן, אז מען זעט שוין אליין נישט וואס מען טוט און מען כאפט זיך נישט וואו מען האלט.

ליידער קומט די זאך שוין פאר א פאר יאר און ווערט וואס א יאר ערגער, ווייי פאר אונזער הייליגע תורה וואס ווערט געטרעטן מיט די פיס און מיר טראכטן זיך נישט איבער! וויי פארן מורא'דיגן חילול השם און חילול קדושת ישראל וואס עס קומט ארויס דורכ־דעם!

ווער ווייסט וואס פאר א פורעניות עס קען חלילה קומען פאר אזעלכע זאכן. די תוה"ק זאגט „אז דער אויבערשטער וועט זען ביי דיר אומווערדיגע זאכן, וועט ער זיך אוועק קערן פון דירˮ.

דער אחריות פון דעם מאמענט פאדערט פון יעדן איד, אשר יראת ה' נוגע ללבו, צו טאן מיט'ן גרעסטן כח וואס מען קען צוריקצוהאלטן די מורא'דיגע פירצה. — א פרוי וואס ווייסט אז איר חבר'טע פארט אהין זאל זי איר מוסר זאגן און קיין שום מאן זאל נישט לאזן זיין ווייב פארן אהין און זיך נישט לאזן איינרעדן אז עס זענען פאראן אפגעטיילטע פלעצער פאר פרויען.

אין מיר ווארענען אז די פרויען וואס וועלן גיין, וועט מען זייערע נעמען מפרסם זיין.

מיר רופן צו יעדן איד אשר יראת ה' נוגע ללבו: אין היינטיגע שווערע צייטן ווען דאס אידישקייט איז אזוי שוואך, עס פעלן די פריערדיגע אמת'ע גדולי ישראל וועלכע האבן שטענדיג מוכיח געווען אידישע קינדער, לאמיר רחמנות האבן אויפן צוקונפט פון די אידישע דורות. לאמיר רחמנות האבן אויף אונזערע קינדער (ווייל וואס פארא קינדער קען שוין ערציען אזא מאמע וואס פארט אהין). לאמיר נישט אריינלאזן דעם שטן חמשחית אין אונזערע הייזער ער זאל פארלענדן דאס גאנצע. ווייל אויב מיר וועלן דאס נישט אפשטעלן באַ־צייטנס, ווער ווייסט ווי ווייט דאס וועט חלילה גיין און צו וואס פארא מכשולות דאס וועט ברענגען.

אין דעם זכות וואס מיר וועלן אפהיטן די גדרי הצניעות, וועט דער אויבערשטער העלפן אז מיר וועלן זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע אידישע דורות. אזוי ווי דער מדרש זאגט אז אין זכות פון אשתך כגפן פורי' בירכתי ביתך וועט זיין בניך כשתילי זתים. און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט ווערן בקרוב, אזוי ווי עס שטייט בזכות נשים צדקניות זענען אונזערע עלטערן אויסגעלייזט געווארן פון מצרים און מיר זאלן זוכה צו ביאת משיח בן דוד בב"א.

**הועד למניעת הריחצה בתערובות**
**בסי־געיט — בפיקוח הרבנים**

# התאחדות הרבנים
# דארצות הברית וקנדא

## און דיין מחנה זאל זיין הייליג

אזוי ווי עס קומען די זומער טעג, טוען מיר שטורמען קעגן **די גרויסע שטרויכלונג וואס עס קומט פאָר, וואס פרויען גייען זיך באדן ביים ביטש אין סיגעיט, בעל הארבער, פארראקעוועי וכו' וכו' אויף פלעצער וואו מענער באדן זיך.**

פון די רייד פון אונזערע חז"ל אין מס' גיטין דף צ' ע"ב קומט אויס אז אזא פריצותידיגע זאך ווי זיך צו באדן צווישן מענער קען אפילו נישט קומען אויפן געדאנק פון א אידישע טאכטער

דער איסור איז חל נישט נאר אויף די אויבן דערמאנטע פלעצער, מיר דערמאנען נאר די, ווייל די פלעצער זענען די וועלכע מיר זענען באוואוסטזיניג געווארן, **דער שרעקליכער איסור איז חל אויף יעדן פלאץ און אין יעדע צייט סיי אין שטאט סיי אויפן פעלד, זומער, ווינטער, אין קעלט און אין היץ.**

און די מענער וואס באדן זיך ביים בארטן פון ים גלויבענדיג אז עס איז פאראן א עקסטערע אפטיילונג פאר מענער זאלן זיי וויסן אז איבעראל גייען אדורך און געפינען זיך פרויען און מיידלעך וואס פירן זיך מיט גרויס פריצות.

**וועגן דעם ווארענען מיר מיטן גאנצן הארבקייט אז קיין שום מאן אדער פרוי זאלן זיך נישט גיין באדן אויף אזעלכע פלעצער.**

און אין דעם זכות וואס מיר וועלן אפהיטן אויף די גדרים וסייגים וואס אונזערע חז"ל האבן מתקן געווען וועט אונזער מחנה זיין הייליג, און השי"ת וועט מאכן רוען זיין שכינה צווישן אונז און וועט אונז דערפרייען מיט א גאולה שלימה.

בחודש סיון תשמ"א לפ"ק.

**התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא**

# א חלק פון די דרשה וואס כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט געהאלטן ש"ק פ' בלק תשמ"א

מיר זענען זיך היינט צוזאמגעקומען וועגן דעם וואס איך האב געהערט אז עס זענען דא אסאך פרויען וואס פארן צום ביטש אין "סי-געיט" און אנדערע פלעצער אויף פלעצער וואו עס באדן זיך מענער.

אין דער אמת'ן גלויב איך נישט אז דא אויף דעם פלאטץ געפינען זיך אזעלכע וואס זייערע ווייבער זענען פון די וואס פארן אהין, אבער עס איז וויכטיג עס זאל דא געזאגט ווערן, ווייל עס איז א פליכט אויף יעדן משפיע צו זיין אויף זיינע קרובים, שכנים, און גוטע פריינד, זיי זאלן נישט לאזן די ווייבער אהין גיין, און מען מוז זיי פארשטיין געבן דעם הארבן איסור וואס איז דא אין דעם.

די משנה אין כתובות ווען די משנה רעכנט אויס די פרויען וועלכע א מאן דארף גט'ן רעכנט ער אפי' נישט אויס אזא פרוי וואס באדט זיך צווישן מענער, ווייל אזא זאך קומט אפילו נישט אויפן געדאנק, און אין מסכת גיטין זאגט די גמרא אז אפי' א פרוי וואס גייט צום וואסער ווען מענער גייען שוין אוועק פון וואסער איז א מצוה צו גט'ן ווייל עס איז א סימן אז זי איז א אפגייענערן, אבער זיך צו באדן צווישן מענער איז אפי' אויפן געדאנק נישט געקומען, אזוי האבן ערליכע אידן אייביג געוואוסט אז פון אזעלכע פלעצער דארף מען זיך דערווייטערן אינגאנצען, אזוי אויך ביי אונז אין די שטאט סיגעט איז געווען א טייך וואס האט געהייסן מילגארטן און מען האט געוואוסט אז דארט גייען נאר קלים ורקים אבער א ערליכער איד האט זיך דערווייטערט פון דארט מיילן ווייט, און בעוה"ר היינט איז אזא מיאוסע אומווערדיגע זאך געווארן א היתר ביי אסאך פרויען פון ערליכע הייזער, אזאך וואס לאזט זיך פשוט נישט גלויבן.

דער אמת איז מיר האבן שוין היינט נישט די פריערדיגע צדיקים וואס האבן גודר געווען גדרים, אבער מיר דארפן אויף דעם נישט קוקן יעדער דארף טוהן וואס ער קען דאס צופארטיידן, מיר מוזן שרייען און מוחה זיין אויף די אומווערדיגע זאך און איך בעט יעדן איינעם אז איינער ווערט געוואויר פון א פרוי וואס גייט אהין זיך באדן און איז עובר אויפן איסור, מוז ער פארעפנטליכן איר נאמען, מען זאל וויסן אז מען טאר מיט אזא איינעם נישט האבן קיין שום שייכות, און אויך נישט אין די משפחה, און אויך כדי מען זאל זיך מיט איר נישט משדך זיין, ווייל דאס איז א גרויסע פריצות, עס איז פוגם אין איר נפש, און אין אירע זון און טעכטער, און די שלעכטע מעשים פארטרייבן די שכינה פון אונז, און עס איז מעכב די גאולה, ווייל דאס איז זיכער אז עס איז שוין משיח'ס צייט נאר דורך די עבירות האלט מען אויף די גאולה שלימה.

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן מיר זאלן זיך קענען פירן ווי די תורה הייסט און מיר זאלן אקעגן גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

# דעת תורה

**מיר דרוקן דא איבער א בריוו פון הרהגה"צ דער קראסנער רב זצ"ל, וועגן די הארבקייט פון באדן בתערובות:**

**הילל ליכטענשטיין**
**הרב מקראסנא**

**פאר דעם בריוו קום איך בעטן מיינע ברידער, האט רחמנות אויף אייך און אויף אייערע זין און טעכטער, זייט שטארק געווארנט פון די פארשידענע פריצות וואס זענען ליידער פארשפרייט און ליידער האט זיך עס פריין געבאפט צווישן ערליכע אידן, דערמיט וואס זיי פארן זומער און ווינטער צו די שווים פלעצער וואס מען שווימט געמישט מענער און פרויען ר"ל (סי-געיט און מיאמי) און א סאך מענטשן ווערן נכשל ר"ל זיך צו באדן בתערובות. און אפילו די וואס באדן זיך נישט ווארינען עכ"פ אין האטעלן וואס די פענצטער און טירן זענען נאענט צו די טמא'נע פלעצער וואס דאס איז א שרעקליכער גרויסע איסור, מען דארף אויף דעם נישט קיין ראי' און קיין בירור הלכה, רש"י זאגט דאך אין סוף מסכת גיטין, א פרוי וואס באדט זיך צווישן מענער איז א ז' און קמילא איינער וואס וואוינט נאענט אהין ווערט באטראכט ווי איינער וואס הערנעכטערט זיך צו א בית ז' פארקערט ווי שלמה המלך ע"ה זאגט אין משלי הרחק מעליה דרכך ואל תקרב אל פתח ביתה... דאס באדן בתערובות איז אביזרייהו דעריות... און דאס באדן בתערובות איז די כוונה לשם תאוות זנות און עס מאכט נאר א שלעכטן ווירקונג אויף דעם וואס קוקט דאס צו און דאס איז אביזרייהו דעריות. און דער וואס גייט און קוקט דער ווערט פארדעכנט ווי ער וואלט געקוקט אויף זנות ממש ח"ו...**


Bnei Torah Van Service, Inc.
SPECIALISTS IN DELIVERIES
COUNTRY JOBS & PASSENGER SERVICE
ESPECIALLY FOR YESHIVOS & WEDDINGS
TEL. 782-3511 — 782-3509
בני תורה ואן סערוויס


פון א דרשה פון הגה"צ האדמו"ר מקאשוי שליט"א
ש"ק פ' שלח תשמ"ב

מען זאגט מיר אז מען באדט זיך אין סיגעיט בהערובות איך האב עס נישט געקענט גלייבן אבער עס קומען עדים נאמנים און זאגן אז עס איז אמת.

אויב עס איז אמת איז דאך עק וועלט ערגערט איז דאך נישטא

לויטן דין פון די גמרא מוז מען זיך מיט אזא ווייב גטן